# בית דין צדק לעניני טהרת ישראל

**שלמה ווייס**, מאנסי נ"י – **דוד יעקב האגער**, ברוקלין נ"י – **יוסף שלמה גרין**, פארעסט היללס נ"י

ב"ה, יום א' לסדר **"ויאמר ה' אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש וישב חרון אף ה' מישראל"** ג' תמוז תשס"ח לפ"ק, ברוקלין ניו יארק יצ"ו

# אזהרה חמורה וגלויה

החיים והשלו' וכט"ס, אל כבוד הרבנים הגאונים שליט"א די בכל אתר ואתר.

בלב קרוע ומורתח באנו בזה להודיע לכה"ג שליט"א שהיום יום א' לסדר **"ויאמר ה' אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש וישב חרון אף ה' מישראל"** ג' תמוז תשס"ח לפ"ק, נתאספנו ונתועדנו יחד קיבוץ גדול של רבנים גדולי התורה ובניהם עשרות ת"ח שהתיגעו והמיתו א"ע באהלי תורה זמן וזמנים טובא, עד שעלה בידם לברר ההלכה העמומה והעמוקה וכל הסוגיות שבש"ס ופוסקים עד לעומק ההלכה למעשה בנוגע **לפרשת ה"האט ליין"**, וכולם פה אחד ענו ואמרו שעלה בידם לברר ההלכה, רובם מהם פסקו שאם מפסיקים ח"ו את ההאט ליין נוגע ממש לאיסור יהרג ואל יעבור, וקצתם הססו אם זה יהרג ואל יעבור ממש, אבל הצד השוה שהושוו כולם בזה בלי שום יוצא מן הכלל, שאין להסתפק בזה, שהענין הזה נוגע וקשור לאיסורים נוראים מהחמורות שבחמורות, ואם לא ימשיכו את **ההאט-ליין** יהיה לנו בקרוב אלפים מישראל שיהיו כופרים בכל עיקרי האמונה, **וכבר דנו בכובד ראש על הקול קורא שיצאו ע"י כת הכופרים, מאלה המתימרים ומציגים עצמם כמדברים בשם הכלל ישראל, שכל דבריהם הם הבל וריק, מינות וכפירה יוצאת מפיהם וכו'.**

## ההחלטה

אזוי ווי עס האנדלט זיך אין א איסור פון יהרג ואל יעבור און עס איז א שעת השמד, וואס די משומדים וואס האבען זיך גע'שמדט און האבען זיך פארקויפט פארן גרינעם דאלער וואס דער אותו האיש האט זיי געגעבען, און עס איז זיי נישט גענוג וואס זיי פירן אן מיט א ריזיגע נעץ פון שמד, אויסשמדן אונזער גרעסטע קהילה פון כלל ישראל וואס רבינו הקדוש והטהור האט לוחם געווען כל ימיו קעגען זיך צופארקויפן פאר געלט, און האט אלץ געזאגט, אז געלט איז מסמא את העינים.

עס איז זיי נישט גענוג וואס זיי אליין זענען זיך גרייט צו שמד'ן, נאר זיי ווילען נאך מיטשלעפען אלע רבנים מיט זיך און דעם שמד סענטער.

זיי פלאגן זיך שוין אגאנץ יאר, און זיי האבען נישט געקענט פארשאפן קיין איין חתימה ביז זיי האבן מיט פארשידענע וועגן מיט שקרים וכזבים, אויסגענארט עטליכע חתימות.

די רבנים גדולי ישראל, נאך דעם וואס זיי זענען געוואר געווארן דעם אמת, האבען באלד חרטה געהאט, און געגעבען א כתב חזרה, און רייסען זיך די האר פון קאפ, ווי אזוי זיי האבען זיך געטרויט אונטערצושרייבען אויף ממשיך צו זיין די עבירה פון דור המבול וואס איז ערגער ווי עבודה זרה.

די ידיעות האט מען ארויס געשיקט אויף די פאסט, און עס איז שוין דא נאך חתימות פון עטליכע ערליכע רבנים, וואס זענען אויפגעציטערט געווארן פון די שרעקליכע ידיעה וואס זיי האבען באקומען, ווי ווייט מען האט זיי פארנארט.

**על כן איז מוחלט געווארן כדלהלן:**

א. אזוי ווי דער ענין פון שמד'ן די קינדער ע"י עון דור המבול וכו' און אזוי אלע אנדערע איסורי כריתות וואס איז "יהרג ואל יעבור", מיט אלע אנדערע ענינים וואס ווערן גערעדט אויפן האט ליין וואס

איז נוגע צום גאנצען כלל ישראל, און איינער וואס האט נישט דורך געטוהן די הלכה טאר נישט, און קען נישט פסק'נען דערויף, פונקט אזוי ווי אין א היתר עגונה וואלט זיך קיינער נישט געטרויעט צו פסק'נען, אויב ער האט נישט מברר געווען די הלכה, אזוי איז אין יעדע הלכה וואס ער האט נישט דורכגעטוהן, טאר ער נישט פסק'נען. בפרט ווען דאס איז א שווערע שאלה וואס איז נוגע כלל ישראל. ובפרט ווען עס האנדלט זיך שוין ביי טויזנטער אידישע קינדער פון היימישע וויליאמסבורגער מאנרא מאנסי בארא פארק אינגלעך בחורים און מיידלעך מענער און ווייבער וואס זענען שוין ארויס רח"ל לתרבות רעה רח"ל, און נאר אזא האט ליין קען אפשטעלן דעם באן און אראפנעמען דעם חרון אף ה' מישראל.

ב. עס זענען דא א גרופע פון תלמידי חכמים וואס האבען יסודות'דיק דורך געטוהן דעם ענין אין ש"ס ופוסקים, און זענען גרייט אריבערצוגיין צו אייך, ווי צו יעדן רב, וואס וויל באמת מברר זיין די הלכה בנוגע דעם ענין פון יהרג ואל יעבור, און וועלן אייך איבערצייגן דעם אמת פון די הלכה.

ג. אויב איר וועט זיך דורך רעדן מיט זיי, און איר וועט דעמאלטס זעהן אז איר פארשטייט די הלכה בעסער, וועט איר זיין בארעכטיגט צו זאגען א חוות דעת תורה. אבער ביז דעמאלטס האט איר נישט קיין רעכט אריינצומישן זיך אין דעם.

ד. אויב איר האט שוין אונטערגעשריבן אקעגן דעם האט ליין, זאלט איר מוחל זיין באלד חוזר זיין, ווייל איר האט נישט קיין רעכט על פי תורה אונטער צושרייבען אויף א שאלה אויב איר אליין האט נישט דורך געטוהן דעם ענין להלכה ולאמיתה של תורה.

ה. אויב איר ווילט נישט אויפנעמען די גרופע תלמידי חכמים איבער צורעדען מיט זיי די הלכה, און איר ווילט נישט חרטה האבען פון אייער פסק, וואס איז נישט אויסגעהאלטען, דעמאלטס זאלט איר וויסען אז דער אחריות פארן עתיד פון הונדערטער טויזנטער קינדער, וואס וועלן אראפגיין פון אידישן וועג, אין דער צוקונפט, כמובן אז דאס מיינט אויך דורי דורות, ליגט אונטער אייער אינטערשריפט.

אנו מקוים להשי"ת, אשר לא ידח ממנו נדח, וכל הרבנים שחתמו ולוחמים נגד ה' ונגד משיחו ומעכבים את הגאולה שלימה רח"ל, ישובו כולם בתשובה שלמה, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצון השי"ת ולעבדו בלבב שלם ומלאה הארץ דעה את ה' וגאולתינו מהרה תצמח בצמיחת קרן לבן דוד רוח אפנו משיח ה' שיתגלה בב"א.

**בואו לעזרת ה' בגיבורים ! ! !**

כותבים אנו דברי תוכחה אלו לכל הרבנים, רבי'ס, האדמורי"ם והרבנים, רבני בית הוראות, מוצי"ם, דיינים, מלמדים, מוהלים, בני הכולל, עסקנים, כל הרבנים משגיחים ומנהלי בתי מקוואות, ראשי ישיבות ומנהלי בתי חינוך ועוד.

החותמים מתוך צער השכינה המצטערים על טהרת וקדושת ישראל שמעולם לא נתבזה באופן גדול כזה על ידי לומדי ושומרי תורה רבנים אדמורי"ם ראשי ישיבות וכו', ולא נוגע ללבם צער השכינה הקדושה. וכל המצטער בחורבנה יזכה לראות בבנינה.

# בית דין צדק לעניני טהרת ישראל

**שלמה ווייס**, מאנסי נ"י

**דוד יעקב האגער**, ברוקלין נ"י

**יוסף שלמה גרין**, פאראעסט הילדס נ"י

**נא לפרסם בבתי כנסיות ובבתי מדרשות**